# ליטעראַרישע מאַנאַטסשריפֿטען
# צו די לעזער

די ליטעראַטור קאָן קיין קיום נישט האָבן, קאָן זיך ניט פֿרײַ און ברייט אַנטוויקלען, אויב זי שטיצט זיך אויף אַ ווייניק אַנטוויקלטן לעזער, אויב זי שטעלט צופֿרידן די גײַסטיק עסטעטישע באַדערפֿענישן נאָר פֿון די, וואָס האָבן קיין צוטריט ניט צו דער קולטור פֿון אַנדערע פֿעלקער. די ייִדישע ליטעראַטור האָט זיך ביז דער לעצטער צײַט געהאַלטן נאָר אויף אַזעלכע לעזערשיכטן. איר הויפּטגעברויכער איז געשטאַנען אויף אַ נידעריקער קולטור-שטופֿע, און זי אַליין איז געווען פּרימיטיוו און פּראָסט. די אינטעליגענץ האָט אין דער נאַציאָנאַל קולטורעלער אַרבעט כּמעט קיין שום אָנטייל ניט גענומען. איר גרעסטע טייל האָט זיך ווי ס'איז צוגעפּאַסט צו דער קולטור פֿון אַנדערע פֿעלקער. אינערלעך איז די ייִדישע אינטעליגענץ צו דער פֿרעמדער קולטור ניט צוגעשטאַנען, נאָר פֿון דעם ייִדישן קולטור-שאַפֿן איז זי אָפּגעשטאַנען אי אויסערלעך, אי אינערלעך. אין איר טראַגישער און קאָמישער איבערצײַגונג, אַז זי איז באמת אַ טייל פֿון יענעם פֿאָלק, מיט וועלכן זי שטרעבט זיך צו אַסימילירן, קוקט די דאָזיקע אינטעליגענץ אויף די ייִדישע קולטור, אויף די ייִדישע שפּראַך און ליטעראַטור, ווי אויף אַן אומבאַקוועמען און פֿאַרדריסלעכן זכר פֿון אַלטן געטאָ. פֿול מיט אָפּשטויסנדער גאווה פֿון גײַסטיקער אָרעמקייט, באַציט זי זיך צו די נאַציאָנאַל קולטורעלע אויפֿגאַבן פֿון אייגענעם פֿאָלק אין בעסטן פֿאַל קאַלט און גלײַכגילטיק.

די אַלטע געטער אירע זענען שוין לאַנג צעשטערט, די קרוין און צירונג פֿון איר אַמאָליקער קאָסמאָפּאָליטישער אידעאָלאָגיע, פֿון אירע מעסיאַנישע טרוימערײַען, האָבן שוין לאַנג פֿאַרלוירן זייער חן און גלאַנץ. די אַסימילאַטאָרישע אינטעליגענץ אָבער חזרט איבער אינערטיש, על-פּי הרגל, אויס פֿוילקייט צו טראַכטן, דעם אַלטן ניגון פֿון נאַציאָנאַלער זעלבסט-פֿאַרניכטונג. דאָס איז דער נײַער מאָדערנער "מה-יפֿית", מיט וועלכן מיר קומען צו די הערשנדע פֿעלקער אין קולטורעלן פֿאָדערהויז. אָט די אינטעליגענץ קאָן אַליין ניט שאַפֿן און קאָן ניט העלפֿן אַנדערע אין זייער שאַפֿנדער אַרבעט. ווילנדיק ניט-ווילנדיק מוז זי, מיט איר פּאַסיווער עקסיסטענץ אַפֿילו, שטערן די שאַפֿנדע. אין די אויגן פֿון דער אָרטאָדאָקסאַל נאַציאָנאַלער אינטעליגענץ איז די ייִדישע (זשאַרגאָנישע) ליטעראַטור קיין נאַציאָנאַלע ליטעראַטור ניט, און די ייִדישע פֿאָלקסשפּראַך - אַ גלות-שמאַטע.

מיר ווילן דאָ ניט ווידער אויפֿהייבן דעם אַלטן קריג צווישן דער איצטיקער און דער היסטאָרישער שפּראַך, צווישן ייִדיש און לשון-קודש. אין דעם סכסוך באַווײַזט זיך דער טראַגיזם פֿון אונדזער דעזאָרגאַניזירטן נאַציאָנאַלן לעבן, וואָס ברענגט צו דעם, אַז איינע צעטרעטן דעם עבֿר מיט אַן אומפֿאַרדינטן עקל און אַנדערע, פֿאַרקערט, ווילן דערנערן מיט די טראַדיציעס פֿון דעם טויטן עבֿר דעם לעבעדיקן דאָרשטיקן הווה. ס'איז פֿאַרשטענדלעך די ליבע צו יענער שפּראַך, אויף וועלכער דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט אין משך פֿון דורות געשאַפֿן אַלמענטשלעכע קולטור-אוצרות, ס'איז פֿאַרשטענדלעך און ווערטפֿול די ליבע צום היסטאָרישן פֿאָלקסגײַסט, צו דער ירושה פֿון דער

פֿאַרגאַנגענהייט. בײַ אונדז אָבער לייגט זיך דער עבֿר ווי אַ טויט-שווערע משׂא אויף די מידע אַקסלען פֿון די, וואָס וואָלטן קאָנען שאַפֿן, און הויקערט זיי אײַן, רײַסט זיי אָפּ פֿון לעבן און מאַכט זיי פֿרוכטלאָז.

לאָמיר ניט זוכן קיין סיבות – אין דעם מאָמענט אינטערעסירן זיי אונדז ניט – נאָר אויפֿן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן חורבן פֿון ייִדישן לעבן באַווײַזן זיך אָן צווייפֿל שפּראָצונגען פֿון קולטור-רענעסאַנס. ס'פֿאַלט דער קולטור- ניהיליזם און דער קולטור-אימפּעריאַליזם. ס'וואַקסט די איבערצײַגונג, אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט דאָס זעלביקע רעכט, ווי אַנדערע פֿעלקער, שאַפֿן זײַן אייגענע קולטור, אויסגיסן זײַן נאַציאָנאַלן איך אין אָריגינעלע פֿאָרמען, אײַנבינדן זײַן אייגענע בלאַט אין גרויסן וועלטבוך. די האַלב אַסימילירטע אינטעליגענץ הייבט אָן בענקען נאָך קולטורעלער זעלבשטענדיקייט, נאָך אייגענע קולטורווערטן, הייבט זיך אָן שלעכט צו פֿילן בײַ דער פֿריִערדיקער באָדנלאָזיקייט, בײַ דער באַליידיקנדער נאַציאָנאַלער זעלבסטנעגאַציע. אויך די אָרטאָדאָקסאַל נאַציאָנאַלע אינטעליגענץ קומט טיילווײַז צו דער איבערצײַגונג, אַז ווען ס'וואָלט געשען אַ נס, און דער "זשאַרגאָן" וואָלט אומגעקומען, וואָלט דאָס געווען איינער פֿון די אומגליקלעכסטע נסים. אַזאַ נס וואָלט געבראַכט צו דער קולטורעלער אַנטאַרטונג פֿון ייִדישן פֿאָלק...

סימנים פֿון קולטור-אויפֿלעבונג באַווײַזן זיך אויך אין לעבן פֿון יענע פֿאָלקסשיכטן, אויף וועלכע די ייִדישע ליטעראַטור האָט זיך ביז דער לעצטער צײַט אויסשליסלעך געהאַלטן. די גײַסטיק קולטורעלע באַדערפֿענישן, וועלכע דאָס פֿריִערדיקע לעבן פֿלעגט אי מיט זײַנע מעלות אי מיט זײַנע חסרונות פֿאַרטעמפּן – הייבן אָן באַדײַטנד צו וואַקסן. זיי ווערן מער קאָמפּליצירט, העכער און איידעלער. ס'בײַט זיך אויך די באַציִונג צו דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור: זיי ווערן באַליבט, ווערן אָנגענומען אַלס אייגענע, אַלס נייטיקע; מ'הערט זיך אויף מיט זיי צו שעמען, ווי מיט אַ סימן פֿון קולטורעלער אָרעמקייט. און – אַלס רעזולטאַט און סיבה צוזאַמען – עפֿענען זיך אַלץ נײַע קוואַלן אין דער ייִדישער ליטעראַטור, וואַקסן נײַע צווײַגן און זייער פֿרוכט ווערט אַלץ צײַטיקער.

אין נאָמען פֿון דעם אָנקומענדיקן קולטור-רענעסאַנס, אַלס זײַן צייכן און זײַן מיטהעלפֿער, דערשײַנען די ליטעראַרישע מאָנאַטסשריפֿטען.

די אייגנאַרטיקע אומנאָרמאַלע באַדינגונגען האָבן צעברעקלט די סאָציאַל פּאָליטישע ריכטונגען אין ייִדישן פֿאָלק, פֿאַרשאַרפֿט זייערע ווינקלען און געמאַכט זיי ניט לפֿי-ערך פֿײַנדלעך איינע צו די אַנדערע. דער אַנטשטייענדער קולטור-רענעסאַנס פֿאָדערט, אַז אויף זײַן באָדן, אויפֿן באָדן פֿון דעם קולטור-שאַפֿן, זאָלן פֿאַראייניקט ווערן אַלע לעבנדיקע קרעפֿטן פֿון פֿאָלק. "פֿאַרפֿעסטיקן אונדזערע נאַציאָנאַלע באַסטיאָנען!" – דאָס איז דאָס שלאָגוואָרט, וואָס הענגט אין דער לופֿט. זאָלן אַנדערע זיי פֿאַרפֿעסטיקן פּאָליטיש און עקאָנאָמיש, און זייער אַרבעט וועט זיך אומפֿאַרמײַדלעך מוזן שפּאַלטן, לויט זייערע פֿאַרשידענע וועגן און קעגנזײַטיקע מיטלען. מיר ווילן דורך די אָנשטרענגונג פֿון אַלע שעפֿערישע קרעפֿטן העלפֿן בויען אונדזערע קולטור-פֿעסטונגען.

די **ליטעראַרישע מאָנאַטסשריפֿטען** שטעלן זיך ניט די אויפֿגאַבן פֿון "מפֿיצי-השׂכלה"-חבֿרות צו וואַרפֿן קערנדלעך פֿון פֿילאַנטראָפּישער קולטור-טרעגערײַ, פֿון פּאָפּולער געפֿעלשטער "פֿאַרן פֿאָלק"-ליטעראַטור. די ליטעראַטור, וועלכע ווערט ספּעציעל צוגעפּאַסט צו אַ נידעריקער אַנטוויקלונגס-שטופֿע, איז ניט קיין קינסטלערישע ליטעראַטור, פּונקט ווי די שטרעבונג זיך "אַראָפּלאָזן צום פֿאָלק" איז לחלוטין ניט קיין דעמאָקראַטישע שטרעבונג. דער ציל פֿון די **ליטעראַרישע מאָנאַטסשריפֿטען** איז צו זײַן אַ זאַמלפּונקט פֿאַר דעם וואָס זאָל קאָנען רײַכער מאַכן אונדזער גײַסטיקע וועלט, פֿאַרגרעסערן אונדזער קולטור-אייגנס, אויספֿײַנערן דעם געשמאַק פֿון דעם אַלטן לעזער און געווינען נײַע; ביסלעכווײַז קומט ער שוין אָן, דער נײַער לעזער. די **ליטעראַרישע מאָנאַטסשריפֿטען** ווילן זײַן קומען פֿאַרגיכערן און זײַן צאָל פֿאַרמערן.

צוטרעטנדיק צו איר פֿאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט, קאָן די רעדאַקציע ניט אָפּלייקענען, אַז אויף דעם וועג, וואָס זי האָט אויסגעקליבן, ליגן שוועריקייטן. אויפֿן שיידוועג פֿון צוויי עפּאָכן איז קיין מאָל דער באָדן ניט פֿעסט און די אויסזיכטן ניט זיכער. די **ליטעראַרישע מאָנאַטסשריפֿטען** אַנטשטייען אין אַן אַטמאָספֿער, אין וועלכער עס זענען אפֿשר ניטאָ נאָך פֿאַר זיי די גענוגנדע סימפּאַטיען. נאָר זענענדיק טיף איבערצײַגט אין דעם אָנקומען פֿון אונדזער קולטור-מאָרגן, אין דעם וווּקס פֿון דעם קולטור-באַוווּסטזײַן און נאַציאָנאַלן זעלבסטערע-געפֿיל בײַ דער ייִדישער אינטעליגענץ און אירע שכנישע שיכטן, גלייבנדיק אין די אויפֿלעבונג פֿון אונדזער ליטעראַטור און קונסט, זענען די **ליטעראַרישע מאָנאַטסשריפֿטען** פֿעסט אין זייערע האָפֿענונגען...

(נומ' 1, פֿעברואַר 1908)